פרייז 15 פפעניג.

צו הערצל׳ס יאהרצייט.

אינהאלט:

1 הערצל.

2 א ציוניסטישער היסטארישער דאקומענט.

3 ד״ר הערצל אין ווילנא.

4 ד״ר הערצל און באראן הירש.

5 די טרויעריגע וואך (פעליעטאן).

6 ד״ר הערצל׳ס א בריעף צו פראפעסאר מאנדעלשטאם.

7 הערצל׳ס טויט.

8 צום טויט־טאג פון ד״ר הערצל.

אויסגאבע „צעירי־ציון“.

ווילנא, כ׳ תמוז תרע״ו 1916.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

736

דרוקעריי ש. פ. גארבער

!!! פאדערט אין אלע געשעפטען !!!

אקציען געזעלשאפט י. ל. שערעשעווסקי, גראדנא, טאבאק פאבריק

האט בעקומען א גרויסע פארטיע טאבאק פון די בעסטע סארטען פון וועלכע עס ווערען פאבריצירט די בערימטע פאפיראסען

„פראוודא" 10 שטיק / 15 פפעניג | „מאלינא" 10 שטיק / 15 פפעניג

אויך איז זייער פיל פערבעסערט געווארען דער קוואליטעט פון די פאפיראסען ;

„גאלף" 10 שטיק / 30 פפעניג „פאלא" 10 שטיק / 30 פפעניג „אליא", 10 שטיק / 30 פפעניג

די פרייזען פערשטייען זיך אויסער דעם קריגס-צושלאג

!!! פאדערט אין אלע געשעפטען !!!

8-טע פרייסיש-זידדייטשע (234-טע קעניגליכע פרייסישע) קלאססען-לאטעריי

די ציהונג דער 2-טע קלאססע אם 11 און 12 אויגוסט 1916.

דער אמטליכע לאאז-פרייז: פיר

	1/1	1/2	1/4	1/8	
	40.—	20·—	10.—	5.—	מארק פיר יעדער קלאסס.
	200.—	100·—	50·—	25.—	„ פיר אלע 5 קלאססען

שפיעלער וועלכע קויפען לאאזען פון 2-טען ביז 5-טען קלאסס מוזען אויך פיר די פארקלאססען מיטבעצאהלען, אונד שטעלט זיך דאהער דער פרייז צור 2-טע קלאססע פיר

	1/1	1/2	1/4	1/8	לאאז
	80.—	40.—	20.—	10.—	מארק

(פיר פארטא און געווין ליסטען עקסטרא)

אין די פינף קלאססען פון יעדער לאטטעריי ווערען 214000 געווינסען און 2 פרעמיען אין בעטראג פון איבער

72 מילליאן מארק אויסגעשפיעלט.

נעבען דען גראססען געווינען פון: 2 געווינסען צו 500,000 מארק

2 פרעמיען צו 300,000 מארק; 2 „ „ 200,090 „

2 געווינסען „ 150,000 „ ; 4 „ „ 100,000 „

4 „ „ 75,000 „ ; 6 „ „ 60,000 „

8 געווינסען צו 50,000 מארק.

גיעבט נאך איינינע אין צאהל פון מיטעלערע געווינסען:

10 געוויסען צו 40,000 מארק ; 110 געווינסען צו 10,000 מארק

28 „ „ 30,000 „ 260 „ „ 5,000 „

4 „ „ 20,000 „ 3240 „ „ 3,000 „

40 „ „ 15,000 „ 6586 „ „ 1,000 „

און נאך פיעל קלענערע געווינסען.

אריגינאל לאאז איז צו בעקומען: OPTIPHOT Wilna, Grossestr. 96.

בעשטעלונגען זינד אם איינפאכסטען מיט פאסטאנווייזונגען אויפצוגעבען.

וויר עמפפעהלען אויך לאאזע אנדערער לאטטעריען. פלאנע פון פערשידענע לאטעריען שטעהען צו דיענסטען

דער צוועלפטער הערצל־יאהר־צייט.

אונטער גאנץ אונגעוועהנליכע בעדינגונגען בעגעגענען מיר דעם צוועלפטען יאהר־צייט פון ד"ר הערצל. אין מיטען שטורעם פון דעם איצטיגען וועלט־קריג רופט ביי אונז ארויס די עראינערונג אן דעם גרויסען נפטר א פיעל טיעפערען, א פיעל אינטענסיווערען טרויער. ביי דער היינטיגער יודישער ענטמוטהיגקייט, ביי דער היינטיגער יודישער עלענטקייט פיהלט זיך אם שטארקסטען די טראגעדיע פון א פאלק ביי וועלכען דער טויט האט אומברחמנות־דיג ארויסגעריסען זיין גרויסען פיהרער. אויף יעדער טריט פעהלט דער גלענצענדער שטערען, וואס האט בעלויכטען אונזער וועג, אויף יעדער טריט פעהלט דער קוואל, פון וועלכען מיר האבען געשעפט מוטה, טרייסט און האפנונג אויף אונזער שווערען וואנדער־וועג.

צוריסען איז דאס יודישע פאלק, צופיטצעלט און צובראקעלט און צטילט דורך ווענט פון אייזען און בלוט. היינטיגען טאג ווערט עס פערא‍יינגט דורך איין אויפבליצענדען געדאנקען: וואו נעהמט מען הערצלען דעם פאלקס־פריינד? וואו נעהמט מען הערצלען דעם גוטען בעל־יועץ, דעם וועג־ווייזער, דעם שעפפער?...

און א תשובה הערט זיך:

נאך איז ניט פערוואקסען דער וועג, וואס הערצל האט פאר אונז אויסגעטראטען; נאך לעבט דאס אידעאל וועלכען ער האט אונז אנגעוויזען; נאך וועבט זיינע פעדים דער חלום, וועלכען ער האט פאר אונז געטרוימט; נאך פעסט איז דער פונדאמענט וואס ער האט צו אונזער צוקונפט געלייגט.

און דאס אלץ הייסט הערצלען. דארטען לעבט ער, און דארטען וועט ער לעבען אייביג...

הערצל.

ער איז געווען דער יודישער ווילען.
ער איז געווען דער יודישער חלום.
ווען דאס יודישע פאלק וויל, איז הערצל זיין ווילען;
ווען דאס יודישע פאלק פארליערט זיין רצון, בלייבט הערצל א חלום.

א ווילען פון קראפט און מוטה, פון ליעבע און האפנונג, פעסט ווי אלפען־בערג וואס האלטען אויס יעדער שטורם.

א חלום פון זון און ליכט, א חלום פון שיינקייט און פרייהייט, ווי א פריגץ פון דער פאנטאזיע איז ער פלוצלונג געקומען אויף דער לעבענס־סצענע פונ׳ם יודישען פאלק.

ער איז געווען און מיט איין מאל האט ער איינגענומען אלע הערצער.

ער האט לעבעדיג געמאכט די מוטע, ער האט אריינגעלאזען א פרישעס לעבען אין די שטארבענדע. די שוואכע האט ער געגעבען מוטה און די שטארקע האט ער געגעבען א לעבענס־ציעל.

דעם גאנצען יודישען פאלק האט ער געגעבען די לעבעדיגע האפנונג, די שאפענדע קראפט, און דאס מוטערע בעוואוסטזיין.

דאמאלסט האט ער אויפגערופען צוזאמען די מחנות, און האט זיי געוויזען דאס לאגד.

און אויך די וועגען וואס פיהרען צום לאנד.

אהן אנ׳אויפהער האט ער געזונגען אונזער פאלק דאס ליעד פון פרייהייט.

דאס ליעד האט בעצויבערט און מען האט עס געמוזט צוהערען.

„דאס פאלק פון משה רבנו און דוד, דאס פאלק פון נביאים און חשמונאים זאל ווידער ווערען א פאלק פון פרייהייט און גערעכטיגקייט, ניט דורך נסים נאר דורך זיין ווילען זאל עס און קען עס פריי ווערען.

פעראייניגט אייך, ברידער, ווערט א פעראייניגטעס פאלק, פעלזען־פעסטען פאלקס־ווילען, און איהר וועט פריי ווערען.

און ווען איהר וועט פריי זיין, וועט איהר גליקליך זיין; א גליקליך פאלק איז א גליק פאר די גאנצע מענשהייט, דאס גליק פערברייטערט זיך פון איינעמען אויף דעם אנדערן. דאמאלס וועט איהר פארווירקליכען אין לעבען די האפנונגען פון אונזערע נביאים, דאן וועט איהר אויפהויבען די קולטור פון דער מענשהייט.

א פעראייניגטעס פאלק, אנ׳איינהייטליכעס ציעל, קיין פערצווייפלונג, קיינע שפאלטונגען. דאן זאג איך: וואס דאס יודישע פאלק האט געהאט, קען עס ווידער האבען, אונזער אלטער גאט לעבט נאך“.

די טרויעריגע וואך.

(צו תשעה באב)

א טרויעריגע וואך. דער עבר הויבט זיך אויף פון די אלטע קברים און איז אונז מתדה מיט זיין פינגער און קלאפט אין הארצען, אין אויפגעציטערט האפען מיר זיך אויף פון דעם וואכעדיגען לעבען און דערשראקען קוקען מיר איהם אין געזיכט. זיין געזיכט איז פארמאטערט און איינגעצויגען פון טרויער, און אזוי ווי פון דעם תהום פון פערשוואונדענע טויזענדער יאהרען, קוקט פון זיינע אויגען אנ׳אונבעשרייבליכעס אומגליק.

ער קוקט ניט. די טרויער אהן א גרענעץ האט קיין שפראך ניט, נאר דער שטומער בליק, וואס איז פול מיט טיעפען טרויער, מאכט אונז פארציטערן ביז צו דער טיעפעניש פון דער נשמה. ער רעדט ניט, נאר זיינע אויגען וועקען־אויף אויף דעם גרונד פון דער נשמה אן־אפקלאנג, א ציטערגדען קלאנג, אזוי ווי א קלאנג, וואס דערגעהט צום שיפער, וועלכער האט פארהאלטען דעם אטעם, ווען אין א שטילער גאכט טראגט זיך דאס שיפעל איבער דעם שווארצען וועג פון די וואלען — א יאמערדיגער קלאנג פון גלאקען פול מיט בענקשאפט פון א פערגראבענער שטאדט.

און הערצל איז ניט מיער נעהארען דאס דאזיגע ליעד צו־
בריינגען די יודען אין אלע מעגליכע נגונים. פון דעם ליעד איז
געווארען א לאנד, וואס האט גערופען, פון לאנד איז גע־
ווארען א פראגראם, און פון דעם פראגראם א געשאפענע
ארבייט.
ער האט געשאפען דאס לעבען,

א ציוניסטישער היסטארישער דאקומענט.

דאס איז נעווען אקארסט וואס הערצל האט ארויסגעגעבען
זיין „יודען־שטאט" און האט זיך ענטליך ארויסגעזאגט פארין
פאליטישען ציוניזם. דאמאלס האט זיך ביי איהם דערוועקט
דער געדאנקען וועגען צונויפרופען א ציוניסטען־קאנגרעס. דער
דאזיגער געדאנקען האט זיך אבער אנגעשטויסען אן געגנער. די
הויפט־געגנער זיינען געוועזען אין ענגלאנד און אין פראנקרייך.
אין די קרייזען פון די ענגלישע כלל־טהוער האט מען הערצלען
פון אנפאנג ניט אנערקענט, און זיין איניציאטיווע וועגען
א קאנגרעס האט דארטען קיין אפקלאנג ניט געפונען. דאן האט
הערצל פארעפענטליכט אין א בריעף דעם בעוואוסטען ציוניסטישען
עסקן אין גאליציען, דער דעפוטאט פונ'ם עסטרייכישען רייכסראט
ד"ר אדאלף שטאנד אין לעמבערג, אז ער זאל בעקאנט מאכען
מיט'ן ציוניזם און מיט'ן צוועק פון דעם געפלאנטען קאנגרעס
די יודישע עפענטליכע מיינונג אין ענגלאנד. שטאנד האט
הערצלס בקשה ערפילט און האט אבגעדרוקט אין די גרעסטע
ענגליש־יודישע בלעטער דעם פאלגענדען בריעף, וועלכער איז
זעהר אינטערעסאנט מכמה טעמים און בעזונדערס דורך דעם
וואס ער בעווייזט מיט וועלכע גרויסע שטערונגען הערצל האט
געהאט צו קעמפפען ביי זיין ערשטען ארויסטריט:

זעהר געעהרטער ה' רעדאקטאר.

די דזשואיש קראניקל" און אנדערע יודישע בלעטער ברייננגע
אין דער לעצטער צייט גאנץ אפט בעמערקונגען וועגע
א ציוניסטען קאנגרעס, וועלכער האלט צוזאמענגערופען צו
ווערען דורכ'ן ד"ר הערצל אין מינכען. די זאך איז זעהר וויכטיג
און דעראיבער בעט איך אייך צו געבען מיר אלס פרעזידענטען
פונ'ם גאליציש־ציוניסטישען אקציאנס־קאמיטעט אנ'ארט אין אייער
געשעצטען בלאט פאר מיינע פאלגענדע ערקלערונגען.

דער ציוניזם איז אריין אין א נייער פאזע. מיט א יאהר 15
צוריק האט זיך קריסטאליזירט דער ציוניסטישער אידעאל,
א גרויסער געדאנק, וואס אינ'ם משך פון יאהר־הונדערטען
איז ער געוועזען דער חלום פון דער אידישער נשמה. בשעת עס
האבען אויסגעבראכען די פורכטבארע רדיפות אויף אידען אין
רומעניען אין דעם אנפאנג 80 יאהרען פון פאהריגען יאהר־

א פערגראבענע שטאדט. יאהרהונדערטען נאך יאהרהונ־
דערטען געהען פאר־ביי, קלאפענדיג פאמעלעך מיט די פליגלען
איבער איהרע אומעטיגע חורבות. נאר אלץ ציטערט נאך אין
אונזער נשמה דער דאזיגער אפקלאנג מיט זיין טרויעריגען נגון:
„ביי די טייכען פון בבל זיינען מיר געזעסען און געיאמערט,
אונזערע הארפען האבען מיר אויפגעהאנגען אויף די טרויעריגע
ווערבעס".

* * *

„ביי די טייכען פון בבל זיינען מיר געזעסען און געיאמערט,
אנשפארענדיג די הארפען אן די בוימער". דאס איז א הארצרייס־
סענדער נגון, טרערען, וואס זיינען איבערגעלעגט געווארען אויף
מוזיק, א ריטמישער וועהטאג, וואס שטעכט דורך דעם מארך.
„ביי די טייכען פון בבל זיינען מיר געזעסען און געוויינט".—דאס
איז א געשריי פון וועהטאג, וואס טראגט זיך לאנג און הערט
ניט אויף, וואס ציהט זיך דורך פינסטערע יאהר־טויזענדער, דאס
איז א געשיכטע פון גלות, וואס איז געווארען א ליעד פון לעבען
און א לויה־נגון פון אומגליקליכע דורות אהן א צאהל.

מען דארף פארמאכען די אויגען, ווען דער נגון דרינגט
אריין אין דער נשמה, מען דארף דאן זיצען אין א טעמפעל,
וואס איז פארהאנגען מיט א שווארצען טוך, ווען די שאטענס פון
דער נאכט שוועבען שטיל פול מיט סודות אונטער זיינע הויכע
באלקען און די ליכט האלטען ביי אויסלעשען. שימערען אונרוהיג—
דעם נייעטען אב. דאמאלסט זעהסט דו פאר זיך א ווילדען מדבר,
צובראכענע זיילען, וועלכע קוקען אהן טרייסט אויף דיר און
וויסטע גראהע בערג פון חורבות ציון, און אין א ווילדען יאוש

הונדערט, זײַנען אויפֿגעשטאַנען אומעטום מענשען אונטער דער השפּעה פֿון העס, קאַלישערס און פּינסקערס שריפֿטען ווי אויך אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דער איבעריגער שנעל אויפֿבליהענדער און ווײַט פֿערשפּרײַטעטער אידישער ליטעראַטור, און האָבען זיך אָבגעשטעלט אויפֿ'ן געדאַנקען פֿון ישוב ארץ ישראל. אומעטום האָבען זיך פֿעראייניגט גרופּעס מענשען אין דעם פֿערלאַנגען צוריק צו קעהרען זיך אין דאָס הייליגע לאַנד.

ד״ר הערצל וואָס דאָס גליק האָט איהם שטענדיג צוגעשמייכעלט, וועלכער איז אַ ליעבלינג פֿון דער געזעלשאַפֿט, אַ ליעבלינג פֿון'ם עסטרייכישען לעזע-פּובליקום, אַ מענש, וואָס איז ביז אהער געשטאַנען ווײַט פֿון יודענטהום, האָט זיך פּלוצלונג בעקענט צו זײַן פֿאָלק, און האָט אײַנגערעדט זײַן ווילען צו אַרבײַטען פֿון זײַנטוועגען און צו גרינדען אַ יודישע מדינה. נאָר אַ קורצע צײַט איז אַריבער, און עס זײַנען געשעהען זאַכען, וואָס דער גרעסטער אָפּטימיסט וואָלט אַפילו ניט געחלומ'ט וועגען זיי. הערצל האָט געפֿונען אַנהײַנגער ניט אַליין צווישען די אָרימע לײַט פֿון געטאָ, צווישען די רוסישע חסידים, נאָר אויך אַ פּאַריזער איד ווי מאַקס נאָרדוי, אַיין איינגלישער קריסט ווי האָלמאַן הונט, און אַזעלכע, וואָס נאָך מיט צעהן יאָהר צוריק וואָלטען זיי זיך אָפּגעשמד'ט, כדי צו קענען אָפּלייקענען איטליכען צוזאַמענהאַנג מיט יודען, — זיי אַלע האָבען זיך גענומען קלייבען אונטער זײַן פֿאָהן. און הינטער זיי שטייען טויזענדער יודען פֿון די אַזוי גערופֿענע אונטערסטע שיכטען, שטעהען טויזענטער פֿון די אַזוי גערופֿענע אָרטאָדאָקסען, וועלכע לאָזען זיך פֿיהרען ניט אַליין פֿון שכל, נאָר אויך פֿון אויפֿריכטיגער ליעבע און אַנהײַנגליכקײַט צו זייער פֿאָלק.

דאָס איז אין קורצע ווערטער דערקלערט די ענטוויקלונג פֿון ציוניזם. אויף די ליפּען פֿון פֿיעלע יודען שוועבט איצט די פֿראַגע „וואָס ווײַטער?".

אונזער תשובה איז: איצט איז די צײַט, אַז אַלע ציוניסטען זאָלען זיך אָרגאַניזירען, זאָלען אויסאַרבײַטען אַלגעמיינע יסודות, זאָלען זאָרגען פֿאַר דער פֿערשפּרייטונג פֿון זייערע אידייען, און זאָלען זיך מישב זײַן צוזאַמען וועגען דער פֿאַרווירקליכונגס-מעגליכקײַט פֿון זייער אידעאַל. דאָס איז הײַנט ניט אַליין אונזער וואונש, נאָר מיר קענען אָן דעם ניט אויסקומען, מיר דאַרפֿען האָבען אַ צענטער, וואָס אַלע ציוניסטען מוזען זיך צוהערען צו איהם און מוזען איהם פֿאָלגען. מיר מוזען אויסקלייבען אַ פֿיהרער, וועלכער זאָל זײַן געגרייט צו ברענגען קרבנות, וועלכער זאָל זײַן פֿעהיג צו רעגירען, און וועלכער איז מסכים צו איבערנעהמען אויף זיך די פֿעראַנטוואָרטליכקײַט פֿאַר'ן פֿאָלק פֿאַר יעדער טריט זײַנעם. דאָס אַלץ מוזען מיר האָבען, ווען מיר ווילען אַז אונזערע בעמיהונגען זאָלען האָבען אַיין ערפֿאָלג.

אונזער נאָהענסטע אויפֿגאַבע איז די אָרגאַניזאַציע. מיר ווילען בעשאַפֿען אַ צענטער, וואָס זאָל שטאַרקען אונזער פֿלײַס און זאָל אונז אָנטרײַבען צו אונזער קינפֿטיגער אַרבײַט און זאָל בעווייזען אונזערע פֿײַנד, ווי לעבענס-קרעפֿטיג דער יודישער פֿאָלקס-געדאַנקען איז. בעווייזען, דאָס מיר זײַנען ניט טויט, נאָר לעבעדיג און לעבענספֿריידיג.

די נאַליצישע אידען פֿעראייניגען זיך אין דעם רוף נאָך אַיין אָרגאַניזאַציע מיט די דײַטשע, רוסישע און רומענישע ציוניסטען.

מיר בעגריסען דעם ד״ר הערצל אַלס דעם אונערשראָקענעם אָנזאָגער פֿון אונזערע אידייען און זײַן פּלאַן וועגען

ווילט זיך אַ וואָרף טאָן אויף די קאַלטע חורבות און וויינען,

אוגרוהיג פּלישצעט די ליכט אין שול; פֿון צײַט צו צײַט רײַסט זיך אַרײַן אַ שנעלער שטויס פֿון ווינד אין אָפֿענעם פֿענסטער. וואַקסענע טראָפּענס, אַזוי ווי הייסע טרערען פֿאַלען אויף דעם עמוד. זיי ווערען ניך פֿאַרקיהלט אַזוי ווי אין טעמפּער עניוות'דיגער גלייכגילטיגקײַט. איבער די ווענט בעוועגען זיך משונה'דיגע שאָטענס, אײַנטעניג הערען זיך בײַם עמוד ליעדער פֿון טרויער: זיי קײַקלען זיך ווי שווערע רעדער, וועלכע צורײַסען די נשמה מיט זייערע גלײַכמעסיגע שאַרפֿע אומדרעהונגען. דער שכן פֿון לינקס קוקט גלייך אין פֿײַער מיט זײַנע אויגען אָהן אַ שײַן פֿון פֿרייד. אַזוי זיצט ער אין דעם דאָזיגען אָווענד שוין אַ האַלבעס יאָהר הונדערט, און מיט אַ טרויער פֿיהלט ער אַ טעמפּען וועהטאָג אין זײַן נשמה, אַזוי איז דאָ געזעסען זײַן פֿאָטער, זײַן זיידע און עלטער זיירע, אַלע זײַנע אָבות אין דעם משך פֿון לאַנגע יאָהר-הונדערטען — אַ לאַנגע, לאַנגע צײַל, וועלכע קוקט מיט פֿערדונקעלטע אויגען אין דעם שימערענדען בלאַם, — און הייסע טרערען פֿאַלען אויף דעם עמוד — אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען.

„בײַ די וואַסערן פֿון בבל זײַנען מיר געזעסען און געוויינט". וואו זײַנען די וואַסערן פֿון בבל? אומעטום, וואו אַ געדריקטעס פֿאָלק וויינט נאָך זײַן פֿרײַהייט: אין אַמעריקע אין פּרס, אין רוסלאַנד אין רומעניען. די וואַסערן פֿון בבל זײַנען אומעטום, וואו עס געפֿינען זיך אידען.

אָהן אַ אויפֿהער רוישען און רינען פֿאַרבײַ די וואַסערן פֿון בבל, אין די כוואַליעס פֿערשלינגען אָהן שום סימן אַלע טרערען און טראָגען זיי אַוועק צום ווײַטען ים. און די האַרפֿען הײַנגען נאָך אַלץ אויף די טויער-ווערבעס, נאָר פֿיל שטרונעס האָבען

א ציוניסטען־קאנגרעס אלס דעם אנהויב פון א נייער ענטוויקלונג אין ציוניזם.

א צוזאמענפאהר פון אלע ציוניסטען איז אונבעדינגט נויטיג.

פון אייך, ברידער, וועלען מיר הערען ווי עס האלטען די פערהעלטעניס אין אנדערע לענדער און וועלכער מיינונג איהר זייט בנוגע דעם וועג אין וועלכען מיר דארפען געהן, און וואס מיר האבען צו טאהן. מיר וועלען אייך קענען לערנען און צוזאמען מיט אייך אויסארבייטען איין פראגראם. פון וויטען מזרח רוף איך צו אייך און בעט אייך הערצליך אום אייער מיט־הילפע.

ברידער אין ענגלאנד! איהר זייט געוועזען די ערשטע, וועלכע האבען דורך גרויסע דעמאנסטראציעס פראטעסטירט געגען די בעדריקונגען פון די אידען אין פערשידענע לענדער. אייערע שלוחים זיינען געקומען אין אונזער לאנד און האבען ארגאניזירט די עמיגראציע פון טויזענדער נאך די לענדער, וועלכע געפינען זיך אויף יענעם זייט פון וועלט־ים. פון אייך שטאמען די ערשטע פראקטישע ציוניסטען: אליפאנט און מאנטיפיארע.

אונטערשטיצט איצט אויך די איידעלע פלענער פון אונזערע גרויסען פריינד אין וויען, קומט מיט אונז קיין מינכען! איהר קענט זיין איבערצייגט, אז דער ראזיגער ערשטער בעווייז פון אונזער סאלידאריטעט וועט דעם אידישען פאלק נאך קענען נוטצען. לאזט אונז דערקענען אז מיר זיינען אלע קינדער פון איין מוטער, ארבייטער אין איין ווערק, מיט איין גרויסען ציעל פאר די אויגען, און מיר וועלען בעקומען די אכטונג פון דער גאנצער וועלט.

אייער האכאכטונגספול ערגעבענער

אדאלף שטאנד.

לעמבערג אין אפריל 1897.

הערצל אין ווילנא.

א קורצע צייט פאר׳ן זעקסטען קאנגרעס האט הערצל אין דער בעגלייטונג פון ג. קאצענעלסאן, דער דירעקטאר פונ׳ם יודישען קאלאניאל־באנק, געמאכט א „פאליטישע" נסיעה קיין פעטערבורג. בסוד האט הערצל מודיע געוועזען די פיהרער פון די ווילנער ציוניסטען, אז צוריקפאהרענדיג וועט ער זיך אויף א פאר טעג אבשטעלען אין ווילנא, כדי צו בעקענען זיך מיט איינעם פון די גרעסטע יודישע צענטערס אין רוסלאנד".

דעם 20־טען יולי 1903 איז הערצל אראפ אין ווילנא. פון

זיך איבערגעריסען. דער ראסט האט זיי צועסען, און א טיעפער טרויער. קוים נאך קלינגען זיי, ווען די פיינדליכען שטורעמס פון דעם לעבען רייסען זיך דורך קאכענדיג דורך די שפיצען בוימער—וועלטען עטליכע פארמאטערטע היזעריגע טענער.

ניט לאנג איז געווען א וואנדערער ביי די דאזיגע גרויסע חורבות, ביי די צושפאלטענע ווילען: א מערקווירדיגע נייעס האט ער געבראכט אין דער היים. א אונגעוועהנליכע בעוועגונג פילט זיך אונטער די אלטע שטיינער. אזוי ווי א ציטער, זידענדיג מיט לעבען, האט דורכגעדרונגען אין די צושטערטע ווילען, אזוי טוען א ציטער די קאלטע שטיקער ערד, ווען דער ערשטער קוש פון דער פריהלינגס זוהן ריהרט זיך צו צו זיי.

א נעפיהל פון לעבען אין שמעקענדיגע חלומות פון פרילינג. עס וואקסט די ווארעמקייט און עס רייסט זיך ארויס, זי וואקסט און זי וועט זיך באלד ארויסרייסען אין א ווילדער בלומען־פראכט, וואס שפילט מיט אלע פארבען. זי ציטערט און רייסט זיך פון די גראהע שטיקער, הייבט זיי אויך, בעוועגט זיי, און די צובראכענע ווילען ציטערן אויך אויף דער אויפגעלעבטער ערד.

און די טרויער־ווערבעס זיי ווערען דערטרונקען אין קראנצען בלומען וואס לייכטען זיך אין פארבען און דרעהען זיך ארום דעם שטאם פון בוים און די צווייגען אין א פ־אבספולער—רייכקייט, און די הארפען קלינגען ריין און פול מיט זייערע קלינגענדיגע יום־טוב׳דיגע סטרונעס ליעדער פון התפעלות, הימנען פון דאנקבארקייטען.

גאנץ פריה האבען שוין ווילנער יודען בעלאגערט די גאסען, וואס פיהרען צום וואקזאל. דער גאנצער וואקזאל און דער גרויסער פלאץ ארום איהם זיינען אנגעפילט געווען מיט מענשען. און נאר מיט גרויס מאטערניש האט זיך איינגענעבען דער ציוניסטישער דעפוטאציע דורכצושפארען זיך דורכ'ן עולם און צוצוגעהען צום וואגאן אין וועלכען הערצל איז געזעסען. די מאסע האט אבער תיכף דערקאנט דעם פאלקס-העלד און האבען איהם ארום-גערינגעלט פון אללע זייטען. אין דער לופט האבען געשטורעמט די „הידד"-אויסדופען.

אין דער בעגלייטונג פון טויזענדער מענשען איז הערצל אריבער די גאנצע וועג פון וואגאן ביז דעם ארט, וואו עס איז געשטאנען פאר איהם אנגעגרייט א בעזונדער עקיפאזש. נאר דא האבען די אפיציעלע פארשטעהער פונ'ם ווילנער ציוניזם געקענט צוגעהען צו איהם און געריסען איהם. אז הערצל האט זיך אריינגעזעצט אין עקיפאזש האט די מאסע געמאכט א נייע דעמאנסטראציע, און די שטורעמס פון די „הידדס" זיינען געווען אזוי גרויס, אז די פאליציי-בעאמטע האבען זיך פערלארען, און האבען ניט געוואוסט וואס צו טאן.

א וואינונג פאר'ן דר" הערצל מיט זיין בעגלייטונג דאט מען פריהער בעשטעלט אין האטעל נעארני אויף געארגיעווסקי פראספעקט. תיכף איז הערצל אריין אין זיין צימער און האט דורכגעקוקט די פאסט, וועלכע איז דארטען ערהאלטען געווארען אויף זיין נאמען. צווישען יענע בריעף איז אויך געווען דער בעוואוסטער היסטארישער דאקומענט—דער אפיציעלער בריעף פון דער ענגלישער רעגירונג, אז זי איז גרייט אפצוגעבען יודען אוגאנדע.

אין דער מינוט איז געקומען א שליח מיוחד פון פאליציי-מייסטער און האט „צוליעב דער געזעלשאפטליכער רוה" געבעטען דעם ציוניסטישען קאמיטעט, אז ער זאל הערצלען ניט לאזען פאהרען אין אידישע און דייטשע גאס, ווייל דארטען האט זיך צונויפגעקליבען א גרויסע מאסע מענשען, און די פאליציי קען בשום אופן ניט ערלויבען קיין מאניפעסטאציעס. תיכף איז דער פאמאטשניק פאליצמייסטער אליין געקומען און האט פערבאטען, אז הערצל זאל בעזוכען די גרויסע שול און דעם שול-הויף בכלל.

ס'איז זעלבסט-פערשטענדליך, אז נאך דעם האט מען זיך שוין געמוזט אפזאגען פון געדאנקען וועגען פאהרען בעזוכען די שול. די ציוניסטען האט זעהר באנג געטאהן וואס דאס פאלק וועט ניט האבען די מעגליכקייט צו זעהן זיין ליעבלינג. אויפ'ן שול-הויף האבען זיך אויפגעקליבען א מאן פיער טויזענד וועלכע זיינען געשטאנען אין דער גרעסטער ארדנונג. פארשטעהער פון די „פועלי-ציון" האבען צושטעלט די גרויסע מאסע אין שורות און ווען דר" הערצל וואלט זיך פאר זיי בעוויזען, וואלט געוויס פארקומען א פראכטפולע מאניפעסטאציע. ס'איז אבער דערצו נים געקומען.

אז מ'האט ערצעהלט הערצלען די לאגע, האט ער געבעטען, אז מ'זאל נעגען דעם ווילען פון דער ארטיגער מאכט גארנישט ניט טאן, חאטש ער האט ניט געקענט פערשטעהען, ווי א זו' קען זיין נסיעה צום שול הויף ברייגגען צו רוהע-שטערונג.

צוויי א זייגער ביי טאג איז הערצל געקומען דורך זייטיגע ארומיגע גאסען אין „צדקה גדולה". אהין האבען זיך צוזאמען-געקליבען אללע ווילנער בערימטע פערזענליכקייטען. אריינגעהען האט מען געקאנט נאר אויף איינלאדונגס-קארטען. פון יעדער געזעלשאפטליכע אינסטיטוציע זיינען געקומען נאר צוויי קאמיטעט-מיטגלידער. פון די ציוניסטישע חברות איז געקומען איינער פון 50 מיטגלידער. אויסער דעם האבען בעקומען איינטריטס-קארטען דריי זשורנאליסטען און עטליכע נבאים פון „צדקה-גדולה".

אויף דעם זעהר שיינעם קבלת פנים, וואס די ווילנער אי-דישע קהלה האט איהם געמאכט, האט הערצל גאנץ ווארעם אפגערעדט און האט געזאגט: „לײדער האב איך נאך צו דעם כבוד ניט זוכה געווען, ווייל יענע גרויס זאך אין וועלכער איך זעה די לייזונג פון דער-יודען פראגע איז נאך ניט פערווירקליכט געווארען, חאטש איך צווייפעל ניט אפילו א מינוט, אז דאס וועט פערווירקליכט ווערען. גרויס איז די זאך, אבער אויך זעהר שווער. איך וויים גוט, אז די ארעמקייט איז צווישען יודען זעהר גרויס, און מיר קענען פיל ניט ווארטען.

„איך וויים גאנץ גוט—האט הערצל ווייטער געזאגט—אז ניט אלע, וואס געפינען זיך דא איין זיינען מסכים מיט מיינע מיינונגען בנוגע דער צוקונפט פונ'ם יודישען פאלק. אבער ביי מיר איז ניטא קיין שום ספק, אז די אלע, וואס זייען געקומען אהער געריסען מיר, ווילען מיט'ן גאנצען הארצען, אז דאס יודישע פאלק זאל עקסעסטירען און זיינען גרייט צו ארבייטען פאר זיין עקסיסטענץ. און איך בעט די אלע וואס געפינען זיך דא צו בעטהייליגען זיך אין דער פעראייניגטער נאציאנאלער ארבייט.

הערצל האט פערגליכען די פערשיידענע שטרעמונגען פונ'ם נאציאנאלען יודענטום צו וואגאנען פון איין צוג. די איינציגע וואגאנעם קענען זיין געבויט פון פארשיידענע מאטעריאלען, אבער אלע פיהרען זיי צו איין ציעל. אינ'ם נאמען פון דעם גאנצען ציעל דארפען מיר אלע, איטליכער לויט זיין מעגליכקייט, זיין שטאנד און זיינע קרעפטען, פעראייניגען זיך צו איין אלגעמיינער ארגאניזאציע, און דאמאלסט וועלען מיר קענען זיין זיכער, אז אונזער נאציאנאלער ענין וועט זיך אונז איינגעבען."

צו די וואס האבען איהם צוגעטראגען א ספר—תורה האט הערצל געזאגט:

„ניט איבער אייערע נדירער, אז איך בין זיי געקומען

אויסדריקען מיין טיעפסטען בטחון, אז פון אלע וועגען, וואס מען לייגט פאר אונז פאר אלס ראדיקאלען ענטפער אויף דעם גורל פון דעם יודישען פאלק, איז דער וועג קיין ציון ניט בלויז דער גלייכסטער וועג, נאר אויך דער מעהר נעהענטסטער!

דער שטארקער בטחון, וועלכער האט זיך אויסגעדריקט אין הערצל'ס ווערטער, די שאנקייט פון דער גאנצער רעדע און אנגענעמע שטימע האבען געמאכט אויפ'ן עולם זעהר א טיעפען איינדרוק. פילע האבען זיך ניט געקענט איינהאלטען, און האבען אנגעהויבען אפלאדירען. די וואס האבען שוין פון לאנג אן נעהאט אין דעם א ביטערע ערפאהרונג האבען זיך געבעטען, אז קיינער זאל צו הויך ניט אויס דריקען זיינע געפיהלען, כדי מען זאל אין דרויסען ניט דערהערען. אין אמת'ן איז איידער אלע רעדנער האבען נאך געענדיגט ריי. דען געקומען א פריסטאוו און האט געפאדערט ניט מעהר און ניט ווייניגער, אז מען זאל איהם ארויסגעבען איין התחייבות דאס מען וועט דעם דר' הערצל מיט זיינע בעגלייטער ניט לאזען פאהרען אין עקיפאזשען איבערען גאס, ווייל דאס קען ברייננען צו דעמאנסטראציעס, און טאמער ניט האט שוין די פאליציי בעקומען דעם בעפעהל אפצוהאלטען די עקיפאזשען און אויסצושפאנען די פערד אין מיטען גאס.

מען האט אבגעפיהרט הערצלען דורך ארומיגע געסלעך אין האטעל, און דארטען איז מען א גאנצען טאג אבגעזעסען ווי ארעסטירטע ביז אווענד. אויפ'ן שול-הויף האט מען געשיקט מענשען צו בערוהיגען די מאססע און צו דערקלערין זיי די לאגע. ערשט דאמאלס איז זיך דער עולם צונאנגען. דערווייל זיינען מענשען א ריין און ארויס פון הערצלס עכפאנג-צימער. עס זיינען געקומען פריוואט-מענשען, עס זיינען געק'מען דעפוטאציעס פון פערשיעדענע געזעלשאפטליכע אנשטאלטען. עס האט זיך פאר איהם פארגעשטעלט א דעפוטאציע אויך פון "פועלי-ציון".

זעקס א זייגער פארנאכט האט מען בעשלאסען צו בעפרייען דעם ערהאבענעם גאסט פון זיין ארעסט. מען איז מיט איהם ארויסגעפאהרען אונטערען שטאדט, מ'האט זיך ארומגעדרייט אויף א רום-וועגען כדי צו קומען קיין ווערקי. די קוטשערס האבען בעקומען דעם בעפעהל צו פאהרען אין זווערינעץ, פון דארטען איז מען געפאהרען דורך שניפישאק קיין ווערקי. דאס אלץ האט מען געטאהן מיט א כיון כדי מען זאל ניט וויסען אין שטאדט וואוהין מען פאהרט. דורכפאהרענדיג שניפישאק האט הערצל אויסגעדריקט זיין פערלאנג צו בעזוכען עטליכע יודישע ארימע לייט, און ער האט זיך אויסגעפרעגט ביי די איינוואהנער פון וואס זיי לעבען און פון וואנען זיי ציהען זייער חיונה.

אין ווערקי האט מען אין דער דאטשע פון ב. בן-יעקב איינגעארדענט איין באנקעט לכבוד הערצלען. אין באנקעט האבען זיך בעטייליגט א ערך פון 40 מענשען. אויסער די איינגעלאדענע געסט זיינען געקומען געסט ניט קיין איינגעלאדענע: ציוניסטישע יונגענד וועלכע האבען זיך צופעליג דערוואוסט פון "בעהאלטענען" באנקעט און זיינען געגאנגען צו פוס פון ווילנע ביז ווערקי. די דאזיגע זיינען געשטאנען די גאנצע צייט הינטערען פאוויליאן. הערצל האט זיך מיט זיינע רעדעס מעהרסטענס געווענדעט אט צו די דאזיגע געסט, וואס "שטייען אין דרויסען". ער האט זיי געבענשט אלס פארשטייער פון דער אידישער מאסע, אז ניט שטענדיג זאלען זיי בלייבען הינטערין נעסט-טיש, און אז ביי דער פעלקער-מאהלצייט זאל זיי אפגעגעבען ווערין דער זעלביגער עהרען ארט, וועלכע עס פערנעהמען אנדערע פעלקער.

און די דרויסינדיגע געסט האבען די גאנצע צייט געזונגען ציוניסטישע שירים, האבען נעהאלטען טאסטען, געשריען "הידד" און צוגעגעבען דעם אווענד א בעזונדערען גליאנץ.

זייגער עלף אין אווענט האט מען זיך צוריקגעקעהרט קיין ווילנא. זייגער 1 ביי נאכט איז דר' הערצל אבגעפאהרען פון ווילנא. פון עק טראקער גאס ביז'ן וואקזאל האט זיין עקיפאזש בעגלייט א היפשער עולם. אויף אלע באלקאנען ביי די פאנארען ביי איטליכען בעלויכטענעם פענסטער זיינען געשטאנען מאסען מענשען, חאטש די נאכט איז געוועזען א פינסטערע, און עס איז געגאנגען א רעגען. דער עולם האט דערקענט דעם עקיפאזש און אין דער לופט האבען זיך געהערט אויסגעשריען פון "הידד". וואס נעהענטער צום וואקזאל איז אלץ דער עולם א גרעסערער געווארען. אבער דער דאזיגער עהרליכער פערגעניגען האט געקאסט קרבנות. מ'האט אנגעהויבען צו שלאגען מיט נאגאייקעס. אויף זאוואלנער גאס האט זיך הערצל דערפון דערוואוסט, און ערביטערט געפרעגט: "וועה, וואס איז דא געשעהען? דאס איז דאך אונמעגליך! פאר-וואס שלאגט מען דאס מענשען"? מ'האט איהם בערוהיגט, אבער ער האט זיך ניט אויפגעהערט צו קלאגען: מיין גאט, ווי קען מען דאס נאר וואוינען אין א זא לאנד?".

דר' הערצל איז אריין אין וואקזאל צובראכען און בלאס ווי קאלך. מ'האט דערקענט אז ער איז שטארק אויפגערעגט. דער פלאץ ארום וואקזאל און דער וואקזאל גופא זיינען געווען פוסט ווייל די אדמיניסטראציע האט קיין אירען ניט געלאזען אריינגעהע מעהר ניט ווי דעם, וואס האט מיט זיך א טשעמאדאן. או פונדעסטוועגען האבען זיך צוזאמענגעקליבען א מאן 40. די דאזיגע מענשען האבען זיך אריינגעגנב'ט אין וואקזאל אויף דעם אופן: די, וואס האבען געוואוינט ניט וויט פון באהנ-האף זיינען געגאנגען א היים און האבען גענומען מיט זיך טשעמאדאנעס און זיינען געקומען צופאהרען אויף דראשקעס ווי עכטע "פאסאזשירען" און געגען זיי האט פאליציי גארניט געהאט. די דאזיגע קליינע קאמפאניע "פאסאזשירען" האבען זיך מיה געגעבען צו פערזיסען די ווייניגע אפשיידס-מינוטען פון דעם ערהאבענעם גאסט, וועלכער

האט זיך געפונען די גאנצע צייט אין א זעהר געדריקטער שטימונג.

הערצל האט געבעטען בייס עולם, אז מען זאל די לעצטע מינוטען, לכל הפחות, ניט שטערען די רוה, און מ'זאל עס ניט ארויסווייזען קיין צייכען פון כבוד, ווייל ער האט גרויס צער דערפון צו זעהען, אז ער מיט זיין זיין אין ווילנא האט עס גורם געוועזען צער זיינע עלענדע ברידער, וועלכע ווערען נעבעך געשלאגען און ארעסטירט פאר אומזיסט.

און הערצלס לעצטע ווערטער זיינען געוועזען: "פאלט ביי זיך ניט אראפ, ברידער, עס וועלען קומען בעסערע טעג. זיי קומען, און דאס איז דאך דער תכלית פון אונזער ארבייט".

ד"ר הערצל און באראן הירש.

דאס איז געוועזען זומער 1895. דער יודישער וועלט איז נאך גאנץ אומבעקאנט געוועזען דער נאמען הערצל. הערצל אליין האט שוין אבער דענסמאלט זיין פאלק געהערט. די גרעסטע אומגערעכטיגקייט פון סוף פון פאריגען יאהר הונדערט, דער דרייפוס פראצעס, האט דעם ד"ר הערצל, וועלכער איז ביז צו יענער צייט געשטאנען ווייט פון דער יודישער וועלט, געטריבען צו דער שווערער יודען־פראגע. הערצל איז ניט דער ערשטער צווישען יענע גרויסע גייסטער, וואס האבען בעדארפט א בעזונדער צופאל כדי פלוצים אריין צוקוקען אין זיך און געפינען דארטען א נייע פערבארגענע וועלט, א נייעם אינהאלט פאר זייער "איך".

אין יענער צייט האט הערצל, ווי עס שיינט, שוין געענדיגט שרייבען דעם "יודען־שטאאט", און נאך א קורצער אבער שווערער מלחמה מיט זיך אליין האט ער בעשלאסען זיך צו נעמען אויך פאר דער אויספיהרונג פון זיין פלאן. גאר א קורצע צייט, אפשר נאר עטליכע וואכען, האט ער געלעבט אין דעם זיסען טעות, אז דאס וואס ער האט אין זיין בראשורע פארגעשלאגען איז אזוי פשוט און פערשטענדליך, אז מען בעדארף דע ריבער נאר ניט דיספוטירען, נאר גלייך צו טרעטען צו דער ארבייט. אין זיין לעבענס בעשרייבונג, ווי אויך אין אנדערע ערטער פון זיינע ציוניסטישע שריפטען, געפינען מיר ווינקען דערויף, אז נאך איידער ער האט אפגעדרוקט דעם "יודען־שטאאט" איז איהם שוין אויסגעקומען אויסצוהערען ניט נאר שארפע קריטיק פון פריינד, נאר אויך אנצושטויסען זיך אויף ענערגישע געגנערשאפט, און עס האט איהם אנגעהויבען ווערען קלאר, אז די זאך איז נאר ניט אזוי פשוט, בעזונדערס גאר ניט אזוי פערשטענדליך ווי ער האט געמיינט. עס האט זיך איהם שוין פונאנדער־געוויקעלט אט יענער שווערער, שטיינענדיגער וועג, וואס ווייזט זיך אויס לכתחילה אזא גלייבער און אזא זיכערער, און איבער וועלכען עס קומט דאך אויס א צייט לאנג צו געהן גאנץ אליין. ער האט זיך שוין קלאר געמאכט, אז "פריהער פאר אלץ זיינען די יודישע פאלקס־מאסען, צו וועלכע ער וועט וויסען ווי צו געפינען א וועג". גאר "כדי" דעם וועג קירצער צו מאכען, האט ער געוואלט צו געווינען פאר זיין פלאן די וואס קענען און ווילען נעהמען אויף זיך די שווערע ארבייט פאר דער פאלקס־זאך.

דער ערשטער, וואס הערצל האט איהם געוואלט געווינען איז געוועזען באראן הירש. פון דעם ניט גאר געוועהנליכען בעל־צדקה, וועלכער האט זיין ריזען־קאפיטאל אין גאנצען דעם פאלק געשאנקען, האט הערצל געוואלט מאכען א פאלקס פאליטיקער. זומער 1895 האט הערצל מיט באראן הירש צום ערשטען און לעצטען מאל זיך צוזאמען געטראפען.

און מערקווירדיג. אין דעם שמועס, וואס ער האט געפיהרט מיט באראן הירש'ן טרעט הערצל שוין ארויס אין זיין גאנצער גרויסקייט און נייסטליכער שיינקייט. ער איז ניט גענארט, און ווייס מיט וועמען ער האט צו טאהן.. ער קוקט אריין באראן הירש'ן טיעף אין דער נשמה און זעהט אין איהם דעם גרויסען געלט־אידען, וועלכער פיהלט זיין מאכט, און וועלכער ווייסט ווענען זיין געלט־מאכט איהם. הערצל'ן, "איראניש אנקוקען", הערצל זעהט אין באראן הירש'ן דעם בעל־צדקה, וועלכער פערשטעהט ניט, אז זיין גאנצע ניט גאר געוועהנליכע ארבייט פיהרט דאך מעהר ניט ווי צו "האדעווען שנארער". הערצל זאגט עס גאנץ אפען ארויס באראן הירש'ן. אזעלכע מענשען ווי הערצל קענען רעדען נאר אפענהערציג און שטאלץ. ניט פאר זיי איז געשאפען יענע קינדער־שפיעל, וואס הייסט "פערבלענדעניס". איהר זייט—שרייבט ער באראן הירש'ן—דער גרויסער געלד־איד, איך בין דער גייסט־איד.. דאס, וואס איהר האט ביז איצטער אונטערנעמען איז געוועזען אזוי פיעל גרויס־

מוטהיג וויפיל גיט ריכטיג, אזוי פיעל קאסטשפיליג וויפיעל צוועקלאז. ביז איצט זייט איהר געוועזען מעהר גיט ווי א פילאנטראפ, א בעל־צדקה. איך וויל אייך וויזען דעם וועג ווי אזוי איהר קענט ווערען מעהר ווי דאס וואס איהר זייט, און דער וועג איז אין הערצל׳ס אויגען — די פאלקס־פאליטיק, וועלכע פיהרט צום פאלקס־ערציהונג. אין אונזער צוויי טויזענד יעהריגען גלות האט אונז די גאנצע צייט געפעהלט די אחדות־דיגע פיהרונג פון אונזער פאליטיק, און דאס האלט איך פאר אונזער חוב.

דאס האט אונז געשאדט מעהר פון אלע רדיפות. עס איז ניט געוועזען ווער עס זאל — זאל זיין אפילו צוליעב דעם נוצען פאר זיך. אונז ערציהען פאר רעכטע מענשען. מען האט אונז צו אלע שלעכטע בעשעפטיגונגען געצוואונגען, מ׳האט אונז געהאלטען פעסט אין דעם געהטא, וואו מיר האבען איינער דעם אנדערן געשטערט. און אז מען האט אונז פון דארטען ארויסגעלאזען, האט מען פון אונז געפאדערט מיר זאלען מיט א מאל האבען אלע געוועגהייטען פון דער פרייהייט".

מיט קורצע שארפע ווערטער קריטיקירט הערצל באראן הירש׳ס פלאן ווי אזוי ער האט אונטערגענומען די קאלאניזאציע אין ארגענטינע. איהר שלעפט אייערע אקער־יודען אהין אין ארגענטינע אריבער. צוליעב דעם גלויבען זיי, אז זיי האבען תמיד דאס רעכט צו ווארטען פון אייך אויף אונטערשטיצונג, און טאקע דעריבער ענטוויקעלט זיך ניט אין זיי די ארבייטס־לוסט. וואס אייך קאסט אזא עקספארט־איד איז ער עס גיט ווערט און לסוף וויפיעל קאנט איהר אידען אהין עקספארטירען?. ניין, ניט מיט אזעלכע מיטלען קען מען גרויסע פאלקס־מאסען ברייגגען אין בעוועגונג.

פריהער פאר אלץ מוז דאס פאלק פערבעסערט ווערען דארט, וואו עס איז היינט. דא אויף אנ׳ארט מוז עס נאך ווערען פעהיג צום קאמפף, צו דער ארבייט; דא אויף אנ׳ארט מוז נאך אין פאלק פאראוים אויסגעבילדעט ווערען די נויטיגע מעלות, און נאכדעם ערשט אויסוואנדערען, אויב דאס וועט נויטיג זיין".

הערצל איז איבערצייגט, אז אויסוואנדערען וועט מען מוזען. „איך גלויב ניט אז עס איז מעגליך אידען זאלען דא אויף אנ׳ארט זיך צושלאגען צו אקערבוי. די פויערים וועלען זיי מיט זייערע דרעש־אייזענס דערהרגענען. אויסוואנדערען איז דאס איינציג מיטעל, אבער פריהער מוז דאס פאלק דערצו ערצויגען ווערען. דען עס וועט נאך לאנג געדויערן, ביז מיר קומען אין דאס לאנד, וואס איז אונז צוגעזאגט געווארען. משה האט בעדארפט האבען פערציג יאהר, מיר וועלען אבער צוואנציג אדער דרייסיג יאהר בעדארפען. אלענפאלס וועלען אונטער דער צייט אויסוואקסען נייע דורות, וועלכע מיר מוזען ערציהען זיי

זאלען פעהיג זיין צו אזא ארבייט, אויסצופיהרען אט אזא שווערע אויפגאבע.

און דא, ווי הערצל איז נאר געקומען צו דעם פונקט, האט זיך מיט אמאל ארויסגעוויזען דער טיעפער, ריין פסיכאלאגישער אונטערשייד צווישען דעם ניט גאר געוועהנליכען בעל־צדקה, וואס לעגט דאך די גאנצע האפענונג ארויף אויף דער אויסערליכער געלט־מאכט, און דעם גיט גאר געוועהנליכען פאלקס־פיהרער, וואס לעגט ארויף די גאנצע האפענונג אויף די אינערליכע פאלקס־מאכט. „ניין, ניין, ניין! — לאזט באראן הירש דעם ד״ר הערצל זיין פלאן ווייטער ניט ענטוויקלען. — איך וויל נאר גיט דעם יודישען פאלק העכער מאכען. דאס גאנצע אומגליק קומט דערפון, וואס יודען ווילען אויסוואקסען צו הויך. מיר האבען צופיעל אינטעליגענץ. מיין כונה איז אפ־צוהאלטען יודען פון דער שטרעבעריי", זיי זאלען ניט געהען אזוי ווייט פאראוים. די גאנצע שנאה נעמט זיך דערפון.

זיין שבועס מיט׳ן באראן הירש האט הערצל ניט גע־ענדיגט. נאר אין דעם זעלביגען טאג האט ער איהם געשריבען נאך א בריעף. דער גאנצער שמועס זיינער מיט׳ן באראן הירש און איבערהויפט דער לעצטער בריעף צו באראן הירש, איז איינס פון די בעסטע מאטעריאלען צו דער כאראקטעריסטיק פון דעם געשטארבענעם בעשאפער און פיהרער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. אין יעדער ווארט פיהלט איהר א שטיק נשמה פון דעם, וועלכער האט מיט אזא שטאלץ געגלויבט אין זיינע כחות און אין דעם אמת פון זיין אידעאל. דא הערט איהר דעם שוואונג פון אדלער־פליגלען, דא געפינט איהר דעם סוד פון זיין אייזערנעם ווילען: די אמונה אין די כחות פון פאלק און די ליעבע צו איהם. עס וואלט כדי געוועזען איבערצוזעצען אין גאנצען לכל הפחות דעם בריעף. נאר דער מאנגעל אין ארט ערלויבט עס אונז ניט. און מיר מוזען זיך געגוגענען ארויסצונעמען פון בריעף נאר עטליכע שורות אין א פרייער איבערזעצונג.

„איהר ווילט — אזוי שרייבט ד״ר הערצל צום באראן הירש — האלטען א גרויסע גרופע מענשען אויף אבעשטימטער מדרגה פון ענטוויקלונג, און אפילו זיי נידעריגער מאכען. אומזיסט אייער טרחה! מיר ווייסען דאך אלע מדרגות, וועלכע די מענשהייט איז דורך געלאפען פון אונטען ארויף כסדר העכער, כסדר העכער!... אמען עס וואלט מעגליך געוועזען נידעריגער אראפצו־לאזען די מענשהייט, גלויבט איהר, אז די אמונה, די קירכע, וואלט עס גיט געטאן, און וועלכע מיטעל האבען זיי אט די גרויסע מאכטען, איבער דעם גוף און די נשמה פון די מענשען! וואס זיינען אייערע מיטלען נעגען זייערע?"...

אין דער אמתן ווילט איהר גוטעס טאן, דעריבער וואלט איך וועלען אייער ווילען אויף דעם ריכטיגען וועג ארויף־פיהרען

זאָל עס אײך ניט אָבהאַלטען וואָס איך בין יונג. מיט מײַנע 35 יאָהר איז מען אין פֿראַנקרײַך אַ מיניסטער און נאַפּאָלעאָן—אַ קײזער"..

אין זײַן טאָג בוך פֿערענטפֿערט הערצל זיך אַלײן, וואָס ער האָט זיך בענוצט מיט אַזאַ פֿראַזע, —וועלכע ווײַזט אויס צו גדלות-דיג. „איך האָב, פֿערשרײַבט ער פֿאַר זיך, אײלענדיג זיך שלעכט אויסגעדריקט מײַן געדאַנקען. געמײַנט האָב איך נאָר צו זאָגען, אַז איך בין שוין גענוג אַלט, אַז איך מעג טראַכטען איבער דעם יודענשטאַאַט, און אין דעם עלטער קען מען שוין זײַן גענוג צײַטיג פֿאַר אַ שטאַאַטס-מאַן. „עס פֿעהלט מיר נאָך די זיכערהײַט אין געשפּרעך: אָבער זי וועט מיר אויסוואַקסען, ווײַל זי איז נויטיג בשעת מען וויל ווידערשטאַנד דורך-ברעכען, גלײַכגילטיגע אויפֿריהרען, לײַדענדע אויפֿריכטען און מיט די הערצען פֿון דער וועלט אין פֿערקעהר קומען." „איהר האָט מיר ניט געלאָזען אַרויסזאָגען אײך מײַן גאַנצען פּלאַן—אַזוי האָט הערצל ווײַטער געשריבען צום באַראָן הירש—איך האָב זיך געלאָזען איבערשלאָגען. בײַ מיר איז אָבער דער גאַנצער פּלאַן אויסגעאַרבײַט מיט אַלע פּרטים ביז צו דער פֿאָהן. און איהר ווילט מיר געוויס לאַכענדיג פֿרעגען: „אַ פֿאָהן, וואָס איז דאָס? אַ שטאַנג מיט אַ שטיקעל טוך. נײן, מײַן הער, אַ פֿאָהן איז אַ סך מעהר. מיט אַ פֿאָהן פֿיהרט מען די מענשען וואָהין מען וויל, אַפֿילו אין דאָס צוגעזאָגטע לאַנד. פֿאַר אַ פֿאָהן לעבען און שטאַרבען די מענשען; דאָס איז אַפֿילו דאָס אײנציגע, פֿאַר וועלכע זײ זײַנען גרײַט צו-שטאַרבען אין גאַנצע מאַסען, אויב מען דערציהט זײ נאָר דערצו, גלויבט מיר, די פּאָליטיק פֿון אַ גאַנצען פֿאָלק -בפֿרט אַז דאָס פֿאָלק איז איבער דער גאַנצער וועלט צוזײַהט—מאַכט מען נאָר דורך זאַכען, וועלכע לאָזען זיך ניט אָנטווענען און אָבשאַצען און וועלכע האָבען, דאַכט זיך, קײַן ממשות ניט. ווייסט איהר פֿון דאָס פֿעראײניגטע דײַטשלאַנד איז ענטשטאַנען? — פֿון חלומות, ליעדער, פֿאַנטאַזיעס און שוואַרץ-רויט-גאָלדענע-בענדער. און אין אַ קורצער צײַט, ביסמאַרק האָט מעהר גיט ווי אַ טרײסעל נעטאָהן דעם בוים, וועלכער עס האָבען די פֿאַנטאַזיאָרען געפֿלאַנצט. „ווילט איהר זיך אפֿשר מיט מיר וועטען?—איך וועל שאַפֿען די יודישע נאַציאָנאַלע הלואה... דאָס יודישע פֿאָלק איז דאָך רײַכער ווי דאָס פֿראַנצויזישע אין יאָהר 1871 בשעת עס האָט דײַטשלאַנד 5 מיליאָן קאָנטריבוציע בעצאָהלט... און איך וועל דאָס אַלעס אויספֿיהרען גאָר אַלס פּאָליטיקער. קײן געשעפֿט-מענש בין איך ניט און וועל עס קײנמאָל ניט זײַן... מען געפֿינט גרויסע יודישע קאַפּיטאַלען פֿאַר אַ חינעזישער הלואה, פֿאַר נעגער-באַהנען אין אַפֿריקע, פֿאַר אַלערלײַ משוגה'דיגע אונטערנעהמונגען און פֿאַר דאָס סאַמע נויטיגסטע און טיעפֿסטע בעדערפֿעניש פֿון יודען אַלײן זאָל מען דען קײן יודיש געלט געפֿינען?"

געגלויבט האָט הערצל אין זיך און אין פֿאָלק, און געוואוסט האָט ער, אַז כדי אויפֿצוּוועקען אין פֿאָלק די בעהאַלטענע דורך צווײ טויזענד יאָהר דערשטיקטע כחות, מוז דאָס פֿאָלק אַ פֿיהרער האָבען. ער האָט אין זיך געפֿונען גענוג ווילען און כחות דער פֿיהרער צו זײַן. אײנס האָט איהם אָבער אָפֿט בעאומרוהיגט: דער טויט. די גרעסטע פֿרייד האָט ער זיך פֿאָרגעשטעלט צו זעהן „ווי אַלע ליכט ברענען און לײַכטען", און דאַן, די אַרבײַט איז שוין אָבגעטאָהן, בלײַבען שטעהן בײַ דער זײַט און פֿיהלען „דאָס גרעסטע גליק אַלס דינער בײַם ליכט." ניט געשראָקען האָט איהם דער טויט, נאָר אָפֿט האָט איהם בעאומרוהיגט דער געדאַנק די אַרבײַט צו לאָזען אין מיטען וועג. אין אָנהויב בריעף צום באַראָן הירש שרײַבט ער אויך: „די פֿעדער איז מײַן מאַכט: איהר וועט זיך עס איבערצײַגען אויב איך בלײַב נאָר לעבען און געזונד."

און דאָס וואָס עס האָט איהם בעאומרוהיגט, האָט ער געטראָפֿען: נאָך ברענען און לײַכטען ניט אַלע ליכט, נאָך שטעהט פֿאַר אַ לאַנגער, שווערער וועג, נאָך איז ניט דער ציוניזם אַלס אידעאַל דאָס וואָס ער בעדאַרף זײַן און מוז ווערען, — פשוט און פֿערשטענדליך. און ער דער פֿיהרער פֿון דער בעוועגונג איז שוין ניטאָ.

א בריעף פון ד"ר הערצל צו פראפ. מאנדעלשטאם.

אַלט־אוסזעע שטייערמאַרק, 18 אַוגוסט 1901

מיין טייערער גוטער פריינד!

איך בין זיך מיעד אָנגעלאָפען, און דאָס געזונדעל מיט דער מטבע האָט מיך אפילו גיט אויסגעהערט. מען וועט אויף זיי דאַרפען אראָפּניסען אַרענגען פון פעך און שוועבעל, כדי די ראָזיגע שטייגער זאָלען ווייך ווערען.

אַזא זאך איז נאָך ניט געהערט געוואָרען, און אין אַ יאָהר 50 אַרום וועט מען שפּייען אויף די קברים פון די דאָזיגע לייט בשעת מען וועט זיך דערוויסען, דאָס איך האָב שוין מיט עבדול־חמיד־ן וועגען דער זאך כמעט ווי אָבגעמאַכט, און נאָר דאָס לומפּיגע געלד האָב איך גיט געקענט בעקומען. נאַמירליך דאַרפען מיר ביי היינטיגען טאָג גיט אויפדעקען אונזער צאָרען און אונזער וועהטאָג, וואָרום דאַמאָלסט וועט געוואָר ווערען עבדול חמיד אויך וועגען אונזער איגעוועניגסטער שוואַכקייט, און איך בין געצוואונגען אָבצוגאַרען איהם כדי צייט צו געווינען אויף אַרויסצוציהען וואַסער פון שטיין און אַרויסגראָבען געלד פון דער בלאָטע.

פאַר מיר וואָלט גלייכער געווען ווען איך וואָלט היינט געמאַכט איין עק מיט אַלץ און וואָלט אַרויסגעלאָזען איין אויפרוף: אָט אַזוי האַלט עס, יודען! איך דער אָרימער. הילף־לאָזער זשורנאַליסט האָב אין פערלויף פון 5 יאָהר אַזוי וויט געבראַכט צו קענען פיהרען די אונטערהאַנדלונגען מיט עבדול־חמיד אַליין. איך דאָס מייניגע דאָב אָבגעטאָן, און גאָך מעהר. אָבער איהר לאָזט מיר אין מיטען דעריגען, איהר זייט נאָר אַ איבעריגע לאַסט—נעהמען זאָל איך דער טייוועל! איך וועל מיך וועגען קיין זאך גיט בעקימערען"!

דאָס איז אַ שיינע העויה, אָבער ווי אַנגענעהם און בעקוועם דאָס וואָלט מיר געווען, מוז איך מיר פון איהר אָבזאָגען. איך מוז דאָס שלעפען אויך וויטער. אָבער דאָס ערגסטע איז, דאָס וואָס ניט נאָר די געגנער און די וואָס שטעהען פון וויטען שטערען מיר, גאָר אויך אונזערע אייגענע מענשען, אונזערע חברים. אין באַנק איז מען גיט געקומען צו קיין שום בעשלוס. עס זיינען דאָ רייבונגען, פערזענליכע קאָנפליקטען צווישען די דירעקטאָרען. דאָס וואָס איינער לייגט פאָר, וויל ניט דער צווייטער א. ז. וו. און עס איז גיטאָ קיין אַנדער מיטעל סיידען איך זאָל וויטער אַרוים ווי אַ געוואַלט מענש, כדי עס זאָל עפּעס געטאָן ווערען.

אויך אין אַקציאָנס־קאָמיטעט פילט זיך אַ געהרונג... מען רעדט וועגען "יונג־ציוניזמוס" א. א. וו. אייגענטליך איז נאָך ביי אונז צו פריה צו האָבען אייגענע יונג־טערקען. מיר זייגען דאָך אָבער איין גייסטיג רייכעס פאָלק.

אָבער סוף כל סוף לאַך איך מיר דערפון אויס. אדרבה: אפשר איז שוין טאַקע געקומען די שעה מען זאָל מיר אַרוים וואַרפען פון דער בעוועגונג!

דערווייַלע האָב איך נאָר איין דאגה: געלד. גרויסער גאָט וואו נעמט מען געלד? איך צוברעך זיך דעם מח קלערענדיג ווי און וואו בעקומט מען דאָס.

דער קאָנגרעס וועט זיין אַרום ווייַנאַכטען אין באַזעל. דאָס איז די ערגסטע צייט, אָבער מיין פאָרשלאַג: יולי אין לאָנדאָן, האָבען די פראַקציעס אָבגעוואָרפען, נאָר ווייל עס איז געווען מיין פאָרשלאַג. עס איז נויטיג געווען צו נעמען אַפריהער ביי יק"א א הכנעה־שיין, דעריבער האָט מען ניט בעוויזען אויפצורופען דעם קאָנגרעס צו דער צייט.

דאָס אַלץ איז צווישען זיך גערעט. איהר האָט אַ בעזונדער זכות וואָס ביי אייך ווייַן איך זיך אַמאָל אויס, ווייל איך האָב אייך אַזוי הערצליך ליעב.

אייער טריי ערגעבענער

בנימין.

ד"ר הערצלס טויט.

דעם 8־טען מאַי 1904 איז ד"ר הערצל געפאָהרען קיין פראַנצענסבאַד צו קורירען זיין קראַנקעס הערץ. אַשווערע אַרבייט, אונמעגליך פאַר דער מענשליכער קראַפט האָט דאָס דאָזיגע האַרץ געאַרבייט די לעצטע יאָהרען. שטאַרק איז שטענדיג געווען זיין אָנשטרענגונג און שטאַרק איז געווען זיין אויפגערייצקייט, און ער האָט אָנגעהויבען אונגעהאָרכזאַם צו זיין. איהם איז שווער געוואָרען צו אָטעמען און זיין גאַנצען קערפּער איז איבערפאַלען איין אָפּשוואַכונג. און אויך דאַמאָלסט האָט ער זיך ניט געשוינט אויב עס איז געשטאַנען אויף דער ריי אַ אַרבייט צוליעב דעם ציוניזם.

דעם 9־טען מאַי האָט איהם בעזוכט קאַצענעלסאָן. ווייל הערצל האָט איהם געשיקט קיין לאָנדאָן צו קריגען דאָרטען פאַר'ן ציוניזם אַ בעוואוסטע פערזענליכקייט, און פון דאָרטען קיין פעטערבורג. "צו וואָס זאָלען מיר זיך דאָ נאַרען—האָט צו איהם געזאָגט הערצל—איך האַלט דאָך שוין נאָכ'ן דריטען קלונג, איך בין גיט קיין וויי־הערציגער און כיט דער פעסטער רוהיגע

זעה איך אנטקעגען דעם טויט, וועלכער קומט אלץ צו נעהענטער צו מיר, און בעזונדערס נאך דעם ווי איך האב מיינע לעצטע לעבענס־יאהרען ניט פערבראכט אומזיסט. איך בין דאך ניכט קיין שלעכטער שמש געוועזען ביי דער בעוועגונג. איז דאס ניט ריכטיג?... נאר איצט איז שוין מער ניט די צייט פאר לאכען: עס איז נאהענט די שעה פון דער פולקאמסטער ערנסטקייט."

און אויף מארגען, האלב 6 אין דער פריה, איז הערצל אריין צו זיין פריינד אין צימער האלטענדיג אין האנד א גרויסען מאנוסקריפט. דאס איז געוועזען אמעמאראנדום קיין פעטערבורג. הערצל, דער טויט קראנקער, איז געזעסען א גאנצע נאכט און האט געשריבען און האט געשליפען און האט מיט א אויג ניט צו געטאן. „אט אזוי ווילט איהר דאס אויסגעהיילט ווערען? אט דאס הייסט קורירען זיך?" — האט איהם קאצענעלסאן פארגעהאלטען. „יע, מיין פריינד; איהר האט דאך נעכטען געזעהען, אז מיר האבען שוין קיין צייט ניט. עס קומען שוין די לעצטע וואכען, און פיליייכט די לעצטע טעג: מיר דארפען זיך איילען."

אין די בריעף וואס ער האט יענע טעג געשריבען צו זיין פרוי און קינדער, האט ער דאפעלט אויסגעדריקט זיין צערטליכקייט און זיינע גרויסע בענקעניש נאך זיי. די בריעף זיינען אבער געווען צו גלייך אויך וויציג און גלאנץ־פוהל. זאלען זיי ניט זארגען! זאל זיין די אפשייד־שטונד נאך א לאנגען קאמפ א העלע און א רוהיגע שעה. הערצלים געזונדהייטס־צושטאנד איז ניט פארבעסערט געווארען, און ער האט זיך צוריק געקעהרט קיין ווין. זיינע ליידען זיינען געווארען שטארקער און די כחות אלץ ווייניגער. דאס ליענען־קור האט איהם גאנץ ווייניג לייכטער געמאכט, דעם 3־טען יוני איז ער אוועקגעפאהרען מיט זיין פרוי און מיט קרעמענעצקין קיין עדלאך, וועלכע ער האט זעהר געליבט. איידער ער האט פארלאזען זיין וואהנונג האט ער איבער די כתבים וועלכע ליגען אויף זיין ארבייטס־טיש, פארשפרייט א פאפיר, אויף וועלכען עס איז געשטאנען אנגעשריבען אין ענגליש: „אין זיינע מיטעלע יאהרען פעדלאזט ער אידם". די עדלאכער דאקטוירים זעהען אז מען האט צו זיי געבראכט א נוטה־למות־דיגען מענשען. אבער די ריינע בארג־לופט און די השגחה פון זיין פרוי, וועלכע האט איהם אפגעגעבען אלע איהרע קרעפטען, האבען געבראכט דערצו, אז זיין לאגע האט זיך אויף א קורצער צייט פערבעסערט און דער קראנקער האט ווירער אנגעהויבען צו ארבייטען און צו שרייבען בריעף; א נייע לעבענס־האפנונג האט זיך אין איהם דערוועקט און האט אויך אנגעהויבען צו קלערען וועגען א רייזע קיין האמבורג, כדי אנצוהויבען דארטען א נייע קור. אבער די דאזיגע גוטע אומענדערונג איז גאר געוועזען א טעות. צי דורך די הכנות צו דעם נייעם קור, ארער דורך א פערקיהלונג — דעם ערשטען יולי האט ער בעקומען א בראנכיט, וועלכער האט זיך געענדיגט מיט א לונגען־אנצינדונג. הערצל האט גוט געקענט און פארשטאנען זיין לאגע. „גיעב אפ פון טיינטוועגען א געריס אין ארץ־ישראל". — האט ער געזאגט א קריסטליכען ציונ'יס פריינד, וועלכער איז איהם נעקומען בעזוכען — איך האב געאפפערט מיין בלוט פאר מיין פאלק". מיט אונגעדולד פערלאנגט ער, אז עס זאלען קומען קיין עדלאך זיינע קליינע קינדער, וועלכע זיינען דארטען ניט געוועזען, און אויך זיין מוטער, וואס ביז איצטער האט מען, לויט זיין פארזאג, איהר ניט דערציילט וועגען זיין ריכטיגען מצב. דעם 8־טען יולי, דעם 20־ תמוז תרס״ד, אין דער פריה האבען זיך ביי איהם בעוויזען די ערשטע צייכענס פון טויט־שלאפקייט. ער פערלאנגט פון דאקטאר, אז ער זאל איהם געבען זיין עהרען־ווארט, דאס ער וועט איהם ניט לאזען שטארבען איידער עס וועלען קומען די קינדער מיט דער מוטער! דא האט זיך אנגעהויבען א פערצווייפעלטער קאמף צווישען איהם מיט דעם מענשען בעצווינגער. איינגעדעקט אין קאלדרעס אין א הייסען זומער טאג גיט מען איהם נאכאנאנד שטארקונגסמיטלען און שפריצט אים אריין קאמפער. און פונדעסטוועגען הויבט ער זיך ניט אן אפילו צו בעקלאגען. זיינע ליידען זיינען גרויס, זיין אטעמען ווערט דערשטיקטער, זיין גייסט איז אבער קלאר. זיין אייזערנער ווילען האלט אויף אפילו דעם טויט אליין, און צום סוף בשעת זיין מוטער קומט און געהט אריין צו איהם, שטרענגט ער אן זיין לעצטע ביסעל ענערגיע, הויבט זיך אויף און זאגט: אלץ איז גוט, ליעבע מוטער, וואס דו ביזט שוין דא; דו ווייזט אויס גאנץ גוט: איך ווייז ניט אויס אזוי גוט, אבער איך קען נאך גוט אויסווייזען. נאך דעם ווי ער צוקוסט זיך מיט דער מוטער און מיט די קינדער הייסט ער זיי ארויסגעהען, און פאלט אהן קרעפטען אויפ'ן בעט. אויך אין דער מינוט האט ער געזאלעוועט זיינע קרובים, איז געווען ווייך און צערטליך און האט זיך זעלבסטבעהערשט. און נאך אמאל האט ער זיך געזעהען מיט זיין פרוי און מיט זיינע פריינד. א זייגער פינף נאך מיטאג דאט דער דאקטאר ווערנער, וועלכער איז די גאנצע צייט געווען נעבען איהם, און איז אויף א ווילע אפגעטראטען דערהערט א טיעפען זיפץ. הערצלים קאפ האט זיך אראפ געבויגען אויף זיין ברוסט, און דער גרעסטער און דער איידעלסטער זוהן פון זיין פאלק איז אריבער געגאנגען אהן שמערצען אין דאס לאנד פון פרידען, וואו עס זיינען ניטא קיין קאמפען, וואו עס זיינען ניטא קיין בעדריקער און קיין בעדריקטע. „גאט צובריכט די ווערק־צייג, מיט וועלכע ער האט זיך בעדינט" — אזוי האט ער געשריבען, און זיינע ווערטער זיינען מקוים געווארען.

דעם 7־טען יולי האט א טויזענד־קעפיגע מענשען־מאסע בעגלייט מיט נעוויין טהעאדאר הערצלען אויפ'ן וויענער בית־עלמין. אין א מטה פון אריכע לייט, אן שום בעפוצונגען לויט זיינע פערלאנגען. נאר די בלוי ווייסע פאהן, וואס איז געווען בעדעקט מיט טרויער, יענע פאהן, פאר וועלכע עם האט זיך מיט עטליכע יאהר צוריק, געבוקט, די פאהן פון דער שווייצער פראצעסיע, די פאהן, וואס איהר איז ער געבליבען טריי ביז זיין לעצטער מינוט, און וואס אויפ'ן מזבח פון איהר עהרע און איהר ריינקייט האט ער זיך געבראכט פאר א קרבן.

אויפ'ן שטילען דעבלינגער בית־עולם רוהט ער, לויט זיין לעצטען ווילען, נעבען זיין פאטער יעקב, ביז עס וועט קומען א טאג און מען וועט איהם פון דארטען אריבערפיהרען אין דאס לאנד פון פרייהייט און פארהייכונג, פאר וועלכער ער האט געקעמפט, דאס לאנד פון די אבות.

צום טויט טאג פון ד"ר הערצל.

דעם צוואנציגסטען תמוז ווערט 12 יאהר זינד טהעאדאר הערצל איז פון אונז ארויס-געריסען געווארען. אבער די ערינערונג אן דעם גרויסען טויטען לעבט אין אונז ווייטער. מיר עהרען זיין אנדיינקען דורך דעם, וואס מיר זיינען טריי איבערגעגעבען זיין אידעאל, וועלכען ער האט אונז איבערגעלאזען אלס זיין טייערסטע צוואה. אלע אונזערע מחשבות און מעשים זיינען געווענדעט נאר צו דעם איין הויבען צוועק: ברענגען צו א גוטען סוף דאס חערק וועלכע ער האט אנגעהויבען. ניט קוקענדיג אויף דער גאנצער ראמאנטיק פון זיין וועזען, איז ער געווען א מענש פון ארבייט. זיין גייסט, וואס האט זיך פאר גארנישט ניט אבגעשראקען, זיין שארפער בליק, האבען פון פאראויס געזעהן אלע נויטהיגקייטען פון אונזער ארגאניזאציע, יעדער וויכטיגער תקון, וואס האט אונז געבראכט צו ערפאלגען, איז אדער פון איהם בעשאפען געווארען, אדער פון איהם רערוועקט געווארען. ער האט געהלי'ם'ט וועגען א שטארקען און א פרייען פאלק אויף א פרוכטבארער ערד. ער האט אונז געוויזען ווי גיך צו פערווירקליכען דעם טרוים. אט אויף דעם אופן האבען זיהן פון אונזער פאלק אין הייסער היים-ליעבע אפגעוואונען צוריק די אלטע פרוכטבארקייט פון דעם אזוי לאנג פערנאכלעסיגטען באדען. זיי האבען בעשאפען בליהענדע גערטנער, און האבען פערשפרייט די ערשטע קערענדלעך צו נעדיכטע וועלדער. אויף די בערג פון יהודה האבען זיי פערפלאנצט דעם הערצל-וואלד, א ערהויבענער דענקמאל פון אייביגען דאנק, א צייכען פון אונפאר-גייגגליכער טרייקייט. מיר פילען בעזונדערס אין דעם יאהרצייטס טאג פון טהעאדאר הערצל אונזער חוב די דאזיגע שיינע ווערק פון טרייקייט און דאנקארבייט צו קרעפטיגען און צו ענטוויקלען. מיר ווילען אויך מיטהעלפען, אז דער דאזיגער דענקמאל פון'ם פיהרער זאל אלץ וואס מעהרער ווערען צונעפאסטער צו זיין גרויסקייט.

דער וועלט-קריעג האט אונז נאר געקענט פערשטארקען אין אונזער פעסטער טרייקייט צו הערצעלים ווערק און אין אונזער פעראנטווארטליכקייטס-נעפיהל פאר דער צוקונפט פון אונזער פאלק. דעריבער ווענדען מיר זיך צו אלע יודען, וועלכע שטעהען צו צו אונזער פאהן, מיט דער פאדערונג:

איטליכער זאל צום צוואנציגסטען תמוז פערפלאנצען א בוים אין הערצל-וואלד! בעתייזט דורך דער דאזיגער נדבה די אייביגע פליכט פון דאנק צו דעם מאן, וועלכער האט אייך געגעבען דעם יודישען לעבענס-אידעאל.

דער יודישער נאציאנאל-פאנד.

"יודישע רונדשוי"

„JUDISCHE RUNDSCHAU"

דאס איינציגע ציוניסטישע וואכענבלאט אין דייטשלאנד קאסט פערטעל יעהרליך 3 מארק מיט פארטא. אויסשרייבען די צייטונג קען מען דורך אלע פאסט-ערטער לויט פאלגענדען אדרעס:

„Judische Rundschau" G. m. b. h.
Berlin W. 15, Sächsischestr. 8.

דער מאנופאקטור געשעפט פון שמואל יאנקעלעוויטש האט זיך איבערגעצויגען פון רודניצקער גאס №2 אויף דערזעלבער גאס 13 הויז סטופעל.

אגרויסער אויסוואל פון אלערליי בליי-קאפיר און טינטענשטיפטען האבען: בעקומען א. יאנקעלעוויטש רודניצקער גאס 13

א. גלעזער, פראנ: יסקאנער גאס 13 № וואהנונג 7.

פאטאגראפיע פון ב. ברודנער גרויס פאהולאנקע 6. פאטאגראפירט אין א קינסטליכער אויספיהרונג גרופעס און איינצעלנע פערזאנען.

די אידישע 8-קלאסיגע גימנאזיע סטעפען גאס 2, ראג זאמאלנע ניט צו וויסען אז די מענער גימנאזיע ציהט זיך אריבער פון 1 אווגוסט נ. ס. אין א נייעם וואוינונג. די פרויען גימנאזיע בלייבט אויף דעם זעלבען ארט:

ביטעס אויף אנצוקומען אין ביי'ע גימנאזיעס ווערען אנגענומען אלע טאג חוץ שבת אין קאנצעלאריע פון דער פרויען-גימנאזיע סטעפען גאס 2, פון 12—2.

עקזאמענס הויבען זיך אן דעם ערשטען אווגוסט נ. ס. אין ערשטען צוגרייטונגס-קלאס ווערען אנגענומען קינדער אהן קיין שום קענטניש.

די פארוואלטונג.

הודעה.

די בוכהאנדלונג פון טובי'. ב"ר יצחק פונק האט זיך איבערגעקליבען אויף דייטשע גאס № 12 אריינגאנג פון גאס אויפ'ן 2-טען שטאק אנטקעגען טויער פון דייטשע קירכע.

אין מיין בוכהאנדלונג איז שטענדיג אויף לאגער אלע רומיל ספרים, אלע העבראישע און אידישע ליטעראטור.

מיין בוכהאנדלונג נעמט זיך אונטער איינצוארדענען הויזליכע און געזעלשאפטליכע ביבליאטהעקען פון העבראישע, אידישע און קינדער ליטעראטור.

אויסער ספרים געפינט זיך אויך ציצית, תפילין, מזוזות טליתים. א. ז. וו. פיר בוכהענדלער, בתי מדרשים, ישיבות, לעהרער און שוהלען איין גרויסען ראבאט. אויך פיר איינצעלנע קונים אבעדייטענדע פערמיטיגונג.

איך דאנק פאראויס די אלע וועלכע וועלען מיט מיר אין געשעפטס-פערבינדונגען קומען.

מיט אכטונג טובי' ב"ר יצחק פונק.

Wilna, Deutschestr. № 12, Buchandlung
T. FUNK.

די אידישע 8-קלאסיגע מיטעלשוהל, וועלכע איז בעשטעטיגט פון ה. שעף פון דער פערוואלטונג, נעמט אן תלמידים און תלמידות אין אלע קלאסען אין צוגרייטונגס קלאס ווערען אנגענומען קינדער אנפאנגער די עקזאמענס הייבען זיך אן דעם 7 אווגוסט נ. ס. פערשרייבען זיך קען מען 3 מאל א וואך: זונטאג, דינסטאג און דאנערסטאג פון 10 - 2 אזייגער בייטאג אין קאנצעלאריע פון שוהל גרויס פאהולאנקע גאס, 7

עס איז ארויס אנייער סארט פאדאַווע **„גאראנטיע",** וועלכער איז זייער טראגבאר.

די פאדאשוועס „גאראנטיע" האבען אין זיך די אייגענשפט פון לעדער און גוממי: זי איז שטארק, עלאסטיש און נעצט אין קיין פאל ניט דורך.

די פאדעשוועס „גאראנטיע" זיינען בעקוועם און דער ארבייט און עס איז מעגליך אויסצוארבייטען מיט זיי אלערליי פאסאנען שיך.

אין די פראקטישקייט פון די פאדאשוועס איז זיך לייכט צו איבערציינגען גלייך אין די ערשטע טעג

בעשטעלונגען אויף צו פערריכטען שיך ווערען אנגענומען אין פאלגענדע מאסטערסקאיעס: ש. קאנטאראוויץ, זאוואל. 6 וואהנ. 9.
ח. לעווין, סיראטסקי 6; איגענ, דייטשע 24, לאנצמאן, ווילקאמיר, 14

די פאדאשוועס קען מען אויך קרינען אין פאלגענדע שוך-געשעפטין: בורשטיין, ווילנער 15, אסטאשינסקי, ווילנער 13; אפינהארץ סטעפין 7 „דאווריע" ברייטע 76; אשמיאן רודניצקער 29; ליניק רודניצקער 1

אין די אויבען-דערמאנטע מאַסטערסקאיעס ווערען עקסטרא בעשטעלונגען געמאכט צייט איין שטונדע.

דער פרייז פון די פאדעשוועס: פיר מענער שיך 3.50 מארק; פיר דאמען שיך 2,65 מארק; פיר קינדער שיך 2.00; אבזאטצען 90-45 פ"ס.

ביי ש. קאנטאראוויץ זאוואלנע 6/9 ווערען אייך אנגענומען בעשטעלונגען אויף נייע שיך צו זעהר מעסיגע פרייזען: בענוצט אייך מיט דעם צייטווייליגען עקסטרא צופאל: מענער שיך פון שטארקע לעדער צו 9,00 רוב. פון גוטען חראם לעדער צו 13,00 רוב.

עס ווערען געזוכט פערטרעטער אויף אין פערשיידענע שטעט.

זיך ווענדען נאך פאלגענדען אדרעס: **א. רייכעס, ווילנא, זאוואלנע 6/4**

A. Reiches, Wilna, Wallstr. 6/4.

די פרוכטגעטראנקען פאבריק **„נעקטאַר"** נאבערעזשנאיא גאס 32 (וואס עס איז פריהער געוועזען ה' פארטשעווסקעס ביער-סקלאד)

נעמט אן בעשטעלונגען

אויף פארשיידענע געטראנקען, וועלכע ווערען אויסגעארבייט נור פון געקאכטע און פילטרירטע ארטעזיאנסקע וואסער

אטפראווקעס מיט'ן אייזענבאן אויף ארומיגע סטאנציעס ווערען שנעל אויסגעפירט.

בהפבריק מי זעלטער ולימונד של
אימיאניטאוו עם וויינער
רהוב קאנגע 6 נמצאים תמיד למכור כל מיני משקה טובות באיכותן על צד היותר טוב.

זעלטער און לימאנאד פאבריק
פון **מ. בערגער** האספיטאלנע 17
פערטיגט אים פערשידענע געטראנקען בעסטער קואליטעט.